IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**גאָרנישט • “Gurnisht” Nothing**

By **Zvee Scooler** translation by Mikhl Yashinsky

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2021)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/gurnisht]

# גאָרנישט

# “Gurnisht” Nothing

Zvee Scooler
translated by Mikhl Yashinsky

# "Gurnisht" Nothing

My friends, my fellows: NOTHING is the topic of everything that follows. Yes, yes, today the theme we're touching is, well, a whole lot of nothing.

Nothing.
*Nitchevo*.
*Gurnisht*.
An absolute nullity.

And how, you may ask, did I land on the topic of Nothing? Plain and simple. Listen, if you would, just listen:

This week I thought and I pondered and I ruminated, "What should I broadcast over the radio this Friday night?" I thought, and I thought, and well, I thought of nought.

I found myself in a terrible dilemma. I tried to hit upon some interesting question, but… "*Nie ma*!" as they say in Polish. Well, go fish. Not a thing to say, may the Devil take me away!

I squeezed my brain, I strained, rhymed with the last of my strength. I asked my last bit of mind, and well… it declined. I was in trouble something awful! You hear me? And so? I decided. There! That's that!

I did not want to travel to Philadelphia. "But that's all right," I thought to myself. "It won't be a disaster if you don't. Philadelphia has been getting along without you just fine, and it'll continue getting along right down the line, even if this Friday you do not arrive! So take some time to relax from your rhymes."

When, suddenly, are you listening? Suddenly, an idea! An idea comes to me, in a flash! And I ask myself, I ask, "Well why not? NOTHING itself—couldn't *that* be the topic? Cover everything about nothing, don't be so myopic! Yes! Do NOTHING, but in lissome verse — it could interest the listeners!"

And so, my friends, my fellows, NOTHING is the topic of everything that follows.

Nothing. Nothing! The whole world is nothing! They say friendship is nothing, too. Money? Also nothing. What are you allowed to do? Nothing. And what dare you do? Nothing. Years, days. Golly, it's all nothing with nothing.

Oy, all of life is but one big nothing. Nothing without end! So said Ecclesiastes, the Philosopher of Nothing! We all remember distinctly, how our teacher in cheder would drill us succinctly:

"Translate, my laddies, from the second verse of Ecclesiastes:

(*this and the following lines done in the typical singsong of Torah study*):
'*Haveyl.*'"

"Nothing!"

"'*Havulim.*'"

"Nothing!"

"'*Umar.*'"

"Said."

"'*Koheyles.*'"

"Nothing…?"

"'*Haveyl.*'"

"Nothing."

"'*Havulim.*'"

"Absolutely nothing!"

"'*Hakl.*'"

"Everything."

"'*Hovel.*'"

"Nothing."

And so, in a word, to make a long story short, what do all our lives result in? Nuttin' wit' nuttin'! And who said so? Ho! It was he, the wisest of men, who knew everything and every… woman—who had, it is said, all the days of his life, so many a wife—ladies in the thousand, assorted wives by the dozen!

And what, my friends, did King Solomon have to say about these wives? Nothing. He said he had found one decent man among a thousand, "but a woman among all those have I not found."[1] Not a one! He had nothing! Horse-snot! Not a nice word for any of 'em, of course not!

Or take world politics, for instance. Since the war ended, take a good look around, friends, where do we stand? On what do we stand? On nothing, you understand? And things ain't budging.

And what of the dream for a lasting peace? For now—nothing.

And what of that fellow whose mind with Hitler's goes in unison, the grand Mufti of Jerusalem?[2] You can hear everyone murmur, he's a nothing, a murderer, he's just like his buddy, is the Mufti, with the funny mustache and hair-tufting. And what's gonna come of it? Nothing. Nothing! Not a single admonishment! But his threats don't astonish us. Just as with that other one, the Berliner, dear friends, he'll get *his* in the end, and he'll be reduced to… nothing.

But hush! While we're looking at the world today, what value does a dollar have now, would you say? Huh? Nothing! Nothing, my dears! When you go to the butcher, what do you get for a dollar? Well, upon my soul! What amounts to a hole! That is, a *whole* lotta' nothing! Ya want veal cuts? Ya' get peanuts!

[1] Ecclesiastes 7:28.

[2] Mohammed Amin al-Husseini, British Mandate-appointed Muslim leader in Jerusalem, known for his friendly meeting with Hitler on November 28, 1941, and after the war, campaigning against the State of Israel from abroad in Cairo and Beirut.

Take the atom, for example. Such blessings it could bring to the world, such a balm. And what do they make from it? A bomb. But by all means, go and explain to me what the size of an atom is. What will I tell you? Its size is… nothing. And if they go on ahead, and atom bombs start exploding over *our* heads, what will become of us, I ask you aloud, and of everything around? There won't be an atom left of this whole mechanization called civilization. And that's what I say!

It'll all be just *nothing*. An egg with the yolk blown away.

But honestly. Take today's girls. Besides the "New Look," what do they wear? Nothing. And the boys, what do they own? Well, I swear! Nothing. And the women, at suppertime, what do they prepare? Nothing, with a can-opener. And the men, what have they to declare? Men have nothing to say. Hush! Not a word! Nooooothing.

Or take the folks on the radio, the ones cajoling and cheering, telling you just what face creams to be shmearing, what pills to take to make the fat go disappearing, why, they're positively guaranteeing, and absolute everyone's agreeing, that you'll be cured of any illness you're fearing by their feats of medical engineering!

And when we try to truly analyze all that we've been hearing, what do you think will come out in the clearing? That they've said nooooothing, though all day long they've been talking and tonguing.

Here, for instance, listen! Just listen! Two Jews are sitting in a park, and if you listen close, you can hear Nothing sounding from them, quite stark.

"Hello Borekh. How are you doing?"

"What should I be doing, Zorekh? Nothing."

"And your wife, how is she doing?"

"What should she be doing? Nothing! She's busy with the Ladies' Auxiliary."

"And what are they up to, the ladies?"

"What can ladies be up to? Nothing! They twiddle and they twaddle, and what comes of it? Nooooothing! But enough of that. Why don't you tell me how you're doing, Zorekh?"

“Aside from doing up my pants every day? I do pretty much nothing.”

“*Nu*, and your wife?”

“What do you think I see of her? Nothing!”

“What’s she so busy with?”

“With nothing, with, with, with, with gin, with bridge, with poker… Ah, nothing worth mentioning! Eh, better you should tell me, how’s your daughter, um, Paula, doing?”

“Eh, she’s shlepping around with some boy, a real *negodyay*, as they say in Russian, a scoundrel, a nobody, a nothing!”

“And what does he do?”

“Nothing. *Nu*, and, and, and, and your Sammy, how’s he doing?”

“Nothing doing. Don’t ask.”

“Nothing has happened, has it, God forbid?”

“No, day and night he’s got his nose in a book. Soon he’ll be finishing college.”

“*Nu*, and what’s the goal, what will he get from all his knowledge?”

“Nothing. For now, I’m afraid to say, nooooothing. But quiet. You, eh, you yourself, Borekh, are you up to anything?”

“Nothing. It’s a while now since I gave up my work finishing garments, and now I’m, eh, thank God, on, on, on, on welfare relief.”

“But tell me, where will that lead?”

“It’s better than nothing, huh? Ha, what do you say?”

“I say: what do you need to have to get this relief?”

"Nothing. Absolutely nothing. Long as you have breath in your lungs, and besides that, nooooothing, ya hear? What you need is nothing!"

"I'll tell you the truth: if that's so, *I'm* a candidate for relief."

"Nothing to be ashamed of. Nothing is all you can bring along with you to the world to come, anyhow. Let the good-for-nothings be ashamed! Those ones, the ones who rake it in, living the rich life in this rich land, what do you think they deserve? Nothing!"

So there you have it, friends, everything that proves this bit of non-news, that "*Toyle erets al-bli-mu*"[3] — that the world hangs on nothing. (*And back to the chanting tune of learning Torah*): That we are tonight: nothing, that we have tonight: nothing, and my entire program tonight: well, it was nothing about nothing!

Because alas, I could do nothing about it, I, Tsvi Hirsh Yoysef, the son of Yankev Mendl Halevi Scooler, your most faithful time-waster, aka, the Rhyme-Meister.

[3] From Job 26:7, the hero monologuing as he laments over the lack of justice in the world, and God's cruelty in dealing therewith.

# גאָרנישט

רבותי און פֿרײַנד: וועגן גאָרנישט רעדן מיר הײַנט. יאָ יאָ יאָ, אונדזער הײַנטיקע טעמע איז פֿון גאָרנישט אַ
סכעמע. יאָ, גאָרנישט.
גאָרנישט.
*ניטשעװאָ*.
*נאָטהינג*!
מאומה, אַ?

ווי, פֿרעגט איר, בין איך צו דעם „גאָרנישט" געקומען? פּראָסט און פּשוט. הערט, זײַט מוחל, הערט:
איך האָב די וואָך געקלערט און געקלערט און געטראַכט, „וואָס ברענגט מען פֿאַר דער ראַדיאָ פֿאַר הײַנט,
פֿרײַטיק אויף דער נאַכט?" געטראַכט, און געטראַכט, און צו גאָרנישט זיך דערטראַכט!

איך בין געווען אין אַ גרויסער דילעמע. געזוכט אַן אינטערעסאַנטע פּראָבלעם, נאָר...נישטאָ. *ניעמאַ*!
נישטאָ וואָס צו זאָגן. נישטאָ צו אַל די קלאָגן!

איך קוועטש דעם מוח מיטן לעצטן גראַם־כּוח, נאָר דאָס ביסעלע געהירן וויל זיך פֿון אָרט נישט רירן. זיי
דערגייען מיר די יאָרן, איר הערט? און איך? איך באַשליס שוין. שוין! אויס!

כ׳האָב געוואָלט קיין פֿילאַדעלפֿיע נישט פֿאָרן. נישקשה, טראַכט איך צו זיך, ס׳עט קיין גרויסער אומגליק
נישט געשען. פֿילאַדעלפֿיע פֿלעג ביז איצטער אָן דיר זיך באַגיין, ווי דאָס וועט באַלד טאַקע ווידער אַ מאָל
געשען, וועסטו דעם פֿרײַטיק אויך נישט גיין! וועסטו צווישן די שורות אָפּרוען זיך!

נאָר פּלוצלינג, איר הערט? פּלוצלינג, אַ געדאַנק! אַ געדאַנק פֿאַלט מיר אײַן און אַזוי גיך:
„צוריקגעשמועסט," טראַכט איך, „גאָרנישט אַליין איז דאָך אויך אַ טעמע! איז פֿאַר וואָס טאַקע צו
גאָרנישט זיך נישט נעמען? עס קען דעם עולם אינטערעסירן... יאָ... ! ווען דו זאָלסט פֿון גאָרנישט
גראַמירן, וועט דאָס אינטערעסירן!"

און דערפֿאַר, רבותי און פֿרײַנד, וועגן גאָרנישט רעדן מיר הײַנט.

גאָרנישט. גאָרנישט! גאָרנישט איז די גאַנצע וועלט! גאָרנישט, זאָגט מען, איז פֿרײַנדשאַפֿט. גאָרנישט איז
געלט. און גאָרנישט מע מעג, און גאָרנישט מע טאָר נישט. די יאָרן, די טעג. איייי, ס׳איז גאָרנישט מיט
גאָרנישט.

איַי, ס׳איז דאָס לעבן איין גרויסער גאָרנישט — אַ גאָרנישט אָן אַ סוף! אַזוי האָט געזאָגט קהלת, אָט דער פֿון גאָרניט פֿילאָזאָף! מיר געדענקען נאָך אַלע גענוי, ווי ס׳האָט דער רבי מיט אונדז אין חדר געלערנט אַזוי:

„זאָג זשע, ייִנגעלע,

*(מיטן טראַדיציאָנעלן ניגון פֿון תּורה־לערנען):*
׳הֲבֵל.׳"

„גאָרניט!"

„׳הֲבָלִים.׳"

„גאָרניט!"

„׳אָמַר.׳"

„האָט געזאָגט."

„׳קֹהֶלֶת.׳"

„גאָרניט...?"

„׳הֲבֵל.׳"

„גאָרניט."

„׳הֲבָלִים.׳"

„גאָלע גאָרניט!"

„׳הַכֹּל.׳"

„אַלץ."

„׳הָבֶל.׳"

„גאָרניט."

אָט ווי איר הערט, מיט איין וואָרט, *טו מייק אַ לאָנג סטאָרי שאָרט*, אונדזער גאַנצער משׂא־מתּן איז פֿון אַלעמאָל אַ נאַטן־שבנאַטן,[4] און געזאָגט האָט דאָס ווער? ער, דער קלוגסטער פֿון מענער, דער גרעסטער חכם און דער ווײַבער־קענער וואָס האָט, לויטן שטשאָט, ווי עס ווערט איבערגעגעבן, אין די טעג פֿון זײַן לעבן, געהאַט גאַנצע טויזנט שטיק, אַסאָרטעד ווײַבער אַלערליי!

וואָס, רבותי, האָט שלמה המלך געזאָגט וועגן זיי? גאָרנישט. „וְאִשָּׁה בְכָל-אֵלֶּה, וְלֹא מָצָאתִי“ — קיין איינע נישט, אָבער גאָרנישט, אָבער טאַקע גאָרנישט, קיין גוט וואָרט פֿאָר שור נישט.

צי נעם די וועלט־פּאָליטיק: זינט געענדיקט עס האָט זיך דער קריג, נו, אַדרבא, פֿרײַנד, גיט אַ בליק, ווי האַלט זי? בײַ וואָס האַלט זי די פּאָליטיק? בײַ גאָרנישט. זי רירט זיך פֿון אָרט אַ האָר ניט!

און וואָס איז מיט דעם חלום פֿון אייביקן שלום? דערווײַל — גאָרניט.

און וואָס איז דער מיט די היטלער־שיריים, דער מופֿטי פֿון ירושלים? דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער, אַז ער איז אַ גאָרניט אַ מערדער, פּונקט ווי זײַן חבֿר מיט דער וואָנצע און מיט דעם טשאָפּ. און וואָס טוט מען אים? גאָרנישט. גאָרנישט! מען גיט אים נישט קיין באַגראָב, אָבער זײַנע סטראַשונקעס שרעקן אונדז גאָרניט אָפּ. פּונקט ווי אויף יענעם, דעם בערלינער, ליבע לײַט, וועט אויך אויף דעם קומען זײַן צײַט, און ס'עט גאָרנישט פֿון אים ווערן.

צי למשל, שאַ! ווײַל מיר זעען און הערן, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַ *דאַלער* הײַנט? האַ? גאָרניט! גאָרניט, ליבע פֿרײַנד! אויב דו גייסט אַרײַן צום בוטשער, וואָס קריגסטו פֿאַר אַ דאַלער? אוי אַ בראָך — גאָרנישט מיט אַ לאָך, מיט אַ צולייג פֿון קדחת.

צי, למשל, נעם דעם אַטאָם: *דהי עטאָם*, וואָס קען ברענגען אויף דער וועלט גרויסע ברכות. נאָר איצטער אַרבעט מען פֿון אים אויס אַטאָמבאָמבעס. איז אַדרבא, זאָגט אַליין, וואָס איז דעם אַטאָמס גרויס, האַ? גרויס ווי, ווי … גאָרניט! און ווען ווײַטער מע זאָל אַזוי פֿירן, און איבער אונדז זאָלן אַטאָמבאָמבעס נעמען עקספּלאָדירן, וואָס, איך בעט אײַך אויף אַ קול, וואָס 'עט ווערן פֿון אונדז, צי פֿון הכּל־בכּל־מכּל־כּל? גאָרניט. אַ האָר ניט פֿון דער גאַנצער מאַכענאַציע וואָס רופֿט זיך ציוויליזאַציע.
ענד דעטס וואָט אײַ סיי!

אַלץ איז גאָרנישט. ס'אַן אויסגעבלאָזן איי.

נו טאַקע, נעם די מיידלעך די הײַנטיקע. אויסער דעם „*ניו־לוק*“ וואָס טראָגן זיי? גאָרניט. און די יונגעלײַט די הײַנטיקע, וואָס פֿאַרמאָגן זיי? גאָרניט. און די פֿרויען, פֿאַר *סאַפּער* וואָס קאָכן זיי? גאָרניט, מיט אַ *קען־אָפּענער*. און די מענער, וואָס זאָגן זיי? די מענער זאָגן גאָרנישט. שאַ! שטיל! גאָאָאָרניט.

[4] A comic Yinglishism Scooler is inventing, using the form “X *shebe*-X,” as in “*gornisht-shebegornisht*” (truly nothing), but inserting instead the English word “nothing,” here pronounced in its dialectal form “nuttin’,” to rhyme with “*mase-matn*” (business).

צי נעם די לײַט אויף דער ראַדיאָ, די וואָס אַנאָנסירן, מיט וואָס פֿאַר אַ מאַשטש דעם קאָפּ זיך צו שמירן, וואָס פֿאַר אַ פּראָשקעס דאָס פּעטס צו רעדוצירן, וואָס טוען *פּאַזיטיוולי* גאַראַנטירן, און *אַבסאָלוטלי* קאַווירן, אַז זייערע מעדיצינען וועלן אײַך פֿון אַלע קרענק אויסקורירן!

ווען מיר נעמען זייערע רייד אויף דער אמתן אַנאַליזירן, וואָס מיינט איר וועלן מיר אויספֿירן? אַז זיי האָבן גאָאָאָרנישט געזאָגט, כאָטש זיי רעדן און באַלעבעטשען אַ גאַנצן טאָג.

אָט למשל, הערט זיך אײַן! הערט! זיצן צוויי ייִדן אין אַ פּאַרק, און דאָ גאָרנישט הערט זיך בײַ זיי זייער שטאַרק.

„העלאָ, ברוך, וואָס מאַכסטו עפּעס?“

„וואָס זאָל איך מאַכן, זרח, גאָרניט.“[5]

„און די ווײַב דײַנע, וואָס מאַכט זי?“

„וואָס זאָל זי מאַכן? גאָרניט! זי איז' *ביזי* מיט די *ליידיס אָגזשיליערי*.“

„וואָס טוען זיי עפּעס אויף די ווײַבער?“

„וואָס קענען ווײַבער אויפֿטון? גאָרניט! מע רעדט און מע דברט און, און סע קומט אַרויס[6] גאָאָאָרניט! און שאַ נאָר, ע, זאָג מיר, וואָס מאַכסטו, ענע, זרח?“

„אויסער מיט די זײַטן אין חודש מאַך איך גאָאָאָרנישט.“

„נו, און דײַן פּלוניתטע?“

„איך זע זי גאָרנישט אָן.“

„מיט וואָס איז זי אַזוי פֿאַרנומען?“

„מיט גאָרניט, מיט, מיט, מיט, מיט דזשין, מיט ברידזש, מיט פּאָקער... אַ, ס'איז גאָרנישט דאָ וואָס צו רעדן. ע, זאָג מיר בעסער, ע, וואָס מאַכט דײַן טאָכטער, ע, פּאָלאַ?“

„ע, זי שלעפּט זיך אַרום עפּעס מיט, מיט, מיט אַ בוי, אַ *ניגאָדיאַ*, אַ גאָרניט!“

---

[5] Borekh speaks with a heavy Litvish accent, e.g. ז is often pronounced זש, such that this line is pronounced, “*Vo'zhol ikh makhn, zhorekh* . . .” Meanwhile, Zorekh speaks essentially in Scooler’s own Ukrainian Yiddish accent.

[6] In the Litvish dialect, the diphthong וי is often pronounced יי, such that this word is pronounced “*aréys*.”

„וואָס טוט ער?“

„גאָרניט. נו, און און און און און דײַן שעמעלע,[7] וואָס מאַכט ער?“

„פֿרעג שוין גאָרנישט.“

„ס'איז חלילה גאָרניט געשען?“

„ניין, טאָג און נאַכט איבער די ביכער. גייט ער באַלד ענדיקן קאַלעדזש.“

„נו, און וואָס 'עט זײַן דער תּכלית, וואָס 'עט ער האָבן פֿון, פֿון, פֿון זײַן *נאַלעדזש*?“

„גאָרנישט. דערווײַל, האָב איך מורא, גאָאָאָרנישט. שאַ נאָר, דו, ע, ברוך אַליין, דו, ע, טוסט עפּעס?“

„גאָרניט. שוין לאַנג צוריק אַרונטער פֿון די *פֿינישינג* אַרבעט און איצטער בין איך, ע, ברוך־השם אויף, אויף, אויף *רעליף*.“

„זאָג מיר נאָר, איז דאָס אַ תּכלית?“

„בעסער פֿון גאָרניט, האַ? כעכע, ווי זאָגסטו?“

„ע, וואָס דאַרף מען האָבן אַרויפֿצוגיין אויף *רעליף*?“

„גאָרניט. אַבסאָלוט גאָרניט. בלויז די נשמה דאַרף זיך האַלטן אין דיר און ווײַטער גאָאָאָרניט, דו הערסט? גאָרניט!“

„וועל איך דיר זאָגן דעם אמת: אויב אַזוי בין איך אַ קאַנדידאַט אַרויפֿצוגיין אויף *רעליף*.“

„דאַרפֿסט זיך גאָרניט שעמען. אויף יענער וועלט נעמט מען סײַ ווי גאָרניט מיט. זאָלן זיך שעמען די גאָרנישטן. אָ, די־אָ, די וואָס מאַכן, אין אַזאַ רײַכן לאַנד ווי אונדזערס, זאָלן אַ סך גאָרנישט האָבן!“
אָט ווי איר זעט, פֿרײַנד, האָבן מיר ראַיות וואָס זײַנען שוין קיין נײַעס, אַז „תּלֶה אֶרֶץ, עַל־בְּלִי־מָה“ — אַז די ערד הענגט אויף גאָרנישט, *(נאָך אַ מאָל מיטן חדרדיקן געזאַנג)*: אַז מיר זענען הײַנט גאָרנישט, אַז מיר האָבן הײַנט גאָרנישט, און מײַן גאַנצע פּראָגראַם הײַנט אויף דער נאַכט איז, ע, גאָרנישט מיט די גאָרנישט!

ווײַל עס האָט זיך גאָרנישט געקענט העלפֿן אײַער געטרײַסטער, צבֿי־הירש־יוסף בן רב יעקבֿ־מענדל הלוי סקולער, המכונה, דער גראַם־מײַסטער.

[7] Equivalent to “Sammy” (i.e. the American name Sam with the Yiddish diminutive “*-ele*” added, and pronounced with a Litvish accent).